# מגדים של זהב

## על דרך הפלפול והחידוד

שנת תשפ"ד - גליון קכג

**פרשת תולדות**

בענין

**הקוויטל שנשלח להרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע שהסעיר את העולם**

**וַיִּתְרֹצְצוּ הַבָּנִים בְּקִרְבָּהּ וַתֹּאמֶר אִם כֵּן לָמָּה זֶּה אָנֹכִי וַתֵּלֶךְ לִדְרֹשׁ אֶת ה'**: (בראשית כה, כב)

### דברי רש"י והרמב"ן כאן - והרמב"ן בפרשת במדבר

**רש"י** איז מפרש דעם וואס די פסוק זאגט: 'ותלך לדרוש את ה'', וזה לשונו: **לבית מדרשו של שם שיגיד לה מה תהא בסופה** - פירוש: רבקה איז געגאנגען צו די בית מדרש פון שם, אז שם זאל איר זאגן וואס גייט זיין די סוף פון דער התרוצצת הבנים בקרבה.

דער הייליגער רמב"ן ברעגנט אראפ דער רש"י און קריגט זיך אויף רש"י, וזה לשונו: **ותלך לדרוש את ה' - לשון רש"י, להגיד מה יהא בסופה. זאגט די רמב"ן: ולא מצאתי דרישה אצל ה' רק להתפלל** - פירוש: דעס וואס עס שטייט אין פסוק 'ותלך לדרש את ה'', מיינט נישט פשוט אז זי איז געגאנגען פרעגן שם, 'וואס גייט זיין די סוף פון דער קריגעריי', נאר עס מיינט עס זי איז געגאנגען צו שם, כדי שם זאל מתפלל זיין פאר איר. און די רמב"ן ברענגט אפאר ראיות אז די לשון 'לדרוש' איז א לשון פון מתפלל זיין: **כטעם** - אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ווי דוד המלך זאגט (תהלים לד, ה): **דרשתי את ה' ועגני** - וואס די כונה איז אז דוד המלך האט מתפלל געווען צום באשעפער, און די באשעפער האט אים געענטפערט. אזוי אויך האט די נביא עמוס געזאגט (עמוס ה, ד): **דרשוני וחיו** - כלל ישראל זאל דאווענען צום באשעפער און ענק וועלן בלייבן לעבן (אבל עי' רש"י שם), און אזוי אויך שטייט אין יחזקאל (כ, ג) **חי אני אם אדרש לכם.**

איז מבואר אין די ווערטער פון די רמב"ן אז ווען איינער איז געווען אין אן עת צרה, איז מען געגאנגען צו א צדיק 'בית מדרשו של שם' כדי דער די צדיק זאל מתפלל זיין פאר א ישועה.

און אזוי אויך ווערט דערמאנט דער ענין אין די **גמרא מסכת בבא בתרא** (קטז, א): **דרש רבי פנחס בר חמא, כל שיש לו חולה בתוך ביתו ילך אצל חכם, ויבקש עליו רחמים** - איינער וואס האט א חולה ביי זיך אין שטוב, זאל גיין צו א 'חכם' כדי די צדיק זאל מתפלל זיין אויף אים, **שנאמר** (משלי טז, יד) **חֲמַת מֶלֶךְ מַלְאֲכֵי מָוֶת וְאִישׁ חָכָם יְכַפְּרֶנָּה.**

ביי חסידים מדורי דורות איז געווען נהוג אז ווען מען איז מקיים דעם 'לדרוש את ה'', איז מען עס מקיים מיט א קוויטל וואס מען שרייבט פאר'ן צדיק, די מקור פון דעם, איז אויך פון א רמב"ן אין פרשת במדבר, ווי די רמב"ן שרייבט אויף די פסוק: **וַיִּהְיוּ כָּל פְּקוּדֵי בְנֵי יִשְׂרָאֵל לְבֵית אֲבֹתָם מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה כָּל יֹצֵא צָבָא בְּיִשְׂרָאֵל** (במדבר א, מה), וזה לשונו: **הוצרך הכתוב להגיד מספר הכלל לאחר שהגיד הפרטים** - פירוש: די גאנצע פרשה דארט איז עוסק בפרטות די מספר פון כלל ישראל, און סוף פון דער פרשה, חזר'ט איבער די פסוק נאכאמאל 'ויהיו כל פקודי בני ישראל', איז שווער געווען פאר די רמב"ן פארוואס חזר'ט איבער די פסוק נאכאמאל די מספר פון בני ישראל, אויף דעם שרייבט די רמב"ן: **ועוד** - די פסוק קומט מחדש זיין, **כי הבא לפני אב הנביאים ואחיו קדוש ה'** - אז כלל ישראל איז געקומען צו משה רבינו די אב הנביאים, און צו אהרן הכהן דער ברודער פון משה די קדוש ה', **והוא נודע אליהם בשמו** - און כלל ישראל האט זיך מזכיר געווען פאר זיי מיט זייערע נעמען [עי' רמב"ן שם, פסוק יח: שהיה כל אחד אומר לפני משה ואהרן 'אני פלוני נולדתי לפלוני ממשפחת פלוני'], **יהיה לו בדבר הזה זכות וחיים** - און מיט'ן זיך מזכיר זיין פאר משה און אהרן, וועט עס זיין פאר זיי א זכות וחיים, **כי בא בסוד העם ובכתב בני ישראל** - פירוש: עס וועט זיין פאר זיין א זכות וחיים דורך וואס זיי גייען זיך מזכיר זיין בעל פה 'ובכתב' פאר משה ואהרן, און חוץ פון די הזכרה ביחידות, האבן זיין נאך א זכות: **וזכות הרבים במספרם** - אז זיי האבן די זכות פון די רבים, אז זיי ווערן געציילט מתוך כלל ישראל, **וכן לכולם זכות במספר שימנו לפני משה ואהרן כי ישימו עליהם עינם לטובה, יבקשו עליהם רחמים.** עכ"ל.

### הקוויטל שנשלח להרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע שהסעיר את העולם

אין די **ספרי שאלות ותשובות** ווערט געברעגנט אן אינטרעסאנטע מעשה וועגן א קוויטל וואס איז געשוקט געווארען צו די גאון וקדוש די **שר שלום פון בעלזא זי"ע**, וואס האט אויף גערידערט די וועלט בשעתו.

די מעשה ווערט געברעגנט בעיקר אין דריי שאלות ותשובות ספרים, און אין יעדער פלאץ ווערט צו געלייגט א פרט, וואס ווען מען וועט לערנען אלע דריי תשובות, וועט מען האבן א קלארע בילד וואס די מעשה איז געווען.

אין **שו"ת יד חנוך** (סימן ה) פון **הגה"ק ר' חנוך העניך מסאסוב זצ"ל** וואס איז געווען אן אייניקל פון די שר שלום [ר' חנוך העניך היה בנו של הה"ק ר' יוסף דוד ב"ר שלמה ב"ר חנוך העניך מאלעסק חתנו של השר שלום זי"ע], ברעגנט אראפ די מעשה, וזה לשונו: **הנה ע"ד העובדא הידוע, מעשה שהיה שאבי זקני מופת דורו פועל ישועות הרב הקדוש רבי חנוך העניך דוב אבד"ק אלעסק, שבת בצוותא חדא עם חמיו הגאון איש אלקי המפורסם רבי שלום רוקח אבד"ק בעלזא, בעיר גדולה של חכמים ושל סופרים ק"ק בראד. ויהי ביום השבת בא שליח מן העיירות הסמוכות אל זקני מבעלזא, עבור חולה מסוכן שמבקש שיפציר בתפילה עבורו. ושם נמצא ושם היה הגאון המפורסם רבי שלמה קלוגער מבראד ז"ל והתרגז מאוד והרעיש העולם שזה חילול שבת** - פירוש: עס איז געווען ווען דער **שר שלום** איז געווען אין די שטאט **בראד**, און דארט אין שטאט איז אויך געווען די גרויסע גאון וקדוש די פוסק **רבי שלמה קלוגער זצ"ל**, און אינמיטן שבת איז אנגעקומען א שליח מיט אן הזכרה צו דער שר שלום, פון א חולה מסוכן וואס האט געדארפט א ישועה, און ער האט געבעטן מען זאל אים מזכיר זיין אין בעלזא ביי די הייליגער שר שלום.

און רבי שלמה קלוגער איז ארויסגעקומען זייער שארף קעגן דער הזכרה, אז מען האט מחלל שבת געווען [עי' לקמן בדברי רבי שלמה קלוגער].

פון ווי איז דער קוויטעל געקומען? דעס זעהט מען אין **שו"ת ובחרת בחיים** (סימן פז) פון **רבי שלמה קלוגער** ווי ער שרייבט: **ב"ה שנת תקצ"ו, להנגידים מנהלי עדת ישרון בקהילת זלאטשוב, הנה הציקתני רוחי, לא אוכל אדמה, על חלול שבת אשר משפטה כאש בוער בקרבי על הוראה הרעה ומקולקלת אשר נעשה בקהלתכם בשבת העבר, אשר הורה מורה אחד לחלל שבת בחלול אחר חלול לכתוב בשבת קוויטל ושיסע יהודי יותר מג' פרסאות הוא דאורייתא** - פון דער תשובה זעהט מען נאך דריי פרטים. 1. די מעשה איז געווען בשנת 'תקצ"ו', 2. דער הזכרה איז נישט געווען סתם אן הזכרה, נאר מען האט געשריבן א קוויטל בעצם יום השבת און עס געבענגט צו דער שר שלום. 3. דער קוויטל איז געקומען פון די שטאט 'זלאטשוב'.

וואס עס האט זיך אפגעטוהן ביי די שר שלום אין שטוב נאך די קוויטל איז אנגעקומען, זעהט מען אין **שו"ת מהרש"ם** פון די פוסק הדור **רבי שלום מרדכי מבערזאן זצ"ל** ווי ער שרייבט (שו"ת מהרש"ם חלק ג סימן רכה): **ועובדא ידענא בעיר מולדתי בזלאטשוב שהיה חולה מסוכן ובאותו זמן היה מורי ורבי הגה"ק מוהר"ש אבד"ק בעלז זצ"ל משובתי שבת קודש בבראד, והתיר דיין אחד לכתוב על ידי עכו"ם בשבת קודש שם החולה ואמו, ושלח לבראד, והרעיש הגאון מהרש"ק ז"ל, ופסל את הדיין מלהורות עוד, וכבוד מו"ר הגה"ק הנ"ל נתרעם גם כן על הכותב, ואמר עכשיו אני מחויב להתאמץ שישיג החולה רפואה שלא יוגרם על ידי חילול שבת קודש, וכן היה שנתרפא** - די מהרש"ם ברענגט אראפ דער מעשה, און שרייבט אז די שר שלום האט זיך אויך געבייזערט אויף דער שולח פון דער קוויטל און ער האט צוגעלייגט, אז יעצט מיז ער איינרייסן פאר דער חולה אז ער זאל געזונט ווערן, כדי עס זאל נישט ארויס געקומען קיין חילול שבת. און די מהרש"ם שרייבט אז די שר שלום האט טאקע אויסגעפועלט א ישועה, און דער חולה איז געזונט געווארן.

## דעת רבי שלמה קלוגער לאיסור

**רבי שלמה קלוגער** אין זיין תשובה דארט גייט ארויס זייער אנטקעגן דער מעשה, אין שרייבט אז עס איז אסור בתכלית האיסור צו שיקן א קוויטעל אין שבת, וזה לשונו: **והנה באמת הוראה זו מקולקלת מתחלתו מאוד מאוד, כי אף דבדין זה פשוט דפקוח נפש דוחה שבת, אך לא הותר רק כרפואה שהוא בדרך הטבע, ואף בזה שיהיה מומחה ידוע בדוק ומנוסה, אבל בדרך נסיי ותפלה לא הותר בשום אופן, אפילו יהיה המתפלל כרבי חנינא בן דוסא, לא ניתן שבת לדחות עבור זה אפילו במלאכה דרבנן מכל שכן דאורייתא** - פירוש: דער טעם פארוואס מען האט זיך טועה געווען און מען האט יא געשיקט די קוויטעל אין שבת, איז וויבאלד עס איז דא אן הלכה 'פקוח נפש איז דוחה אפילו שבת', און וויבאלד דער חולה איז געווען אין א מצב פון פקוח נפש, און איינער פון די וועגן ווי אזוי מען קען ראטעווען א איד איז דארך די תפילה פון א צדיק, האט דער מורה הוראה פון די שטאט זלאטשוב געהאלטן אז עס גייט אריין אין די כלל פון פקוח נפש, און עס איז דוחה שבת, און מען מעג שרייבן א קוויטל און אפשיקן צו א צדיק.

זאגט אבער רבי שלמה קלוגער, אז דער דין איז נישט אמת, ווייל דעס וואס מען זאגט אז פקוח נפש איז דוחה שבת, איז דוקא געזאגט געווארן ביי א רפואה וואס קומט בדרך הטבע, אבער אזא סארט רפואה וואס קומט נישט בדרך בטבע, נאר בדרך נס אדער דרך תפילה, אויף דעם איז נישט דא קיין שום היתר צו מחלל שבת זיין אפילו ביי א מצב של פקוח נפש. און רבי שלמה קלוגער לייגט צו, מען טאר אפילו נישט מחלל שבת זיין כדי צו טרעפן רבי חנינא בן דוסא, וואס איז געווען באוויסט מיט זיין גרויסע כח אין תפילה (עי' ברכות לב, ב), אפילו אזוי מעג מען נישט מחלל שבת זיין כדי ער זאל מתפלל זיין פאר א חולה.

און רבי שלמה קלוגער ברענגט א ראיה לדבריו, אז מען האט נאר מתיר געווען חלול שבת וואס מען טוט בדרך הטבע, אבער נישט ווען עס איז שלא בדרך הטבע, פון א גמרא אין מסכת תענית.

די **משנה** זאגט אין **מסכת תענית** (יט, א) **על אלו מתריעין בשבת** - אויף דער צרות מעג מען דאווענען אין שבת: **על עיר שהקיפוה נכרים** - אויב גוים קומען ארום נעמען א שטאט צו מלחמה האלטן, **או נהר** - אדער א טייך וואס פילט זיך איבער און גייט פארשוועמען א שטאט, **ועל הספינה המיטרפת בים** - און אויף א שוף וואס ווארפט זיך אין ים, און עס איז דא סכנה אז עס גייט איינזינקען. אזוי האלט תנא קמא. **רבי יוסי אומר** - רבי יוסי קריגט זיך און זאגט: **לעזרה** - מען מעג שרייען שבת 'לעזרה', דהיינו רופן מענטשען זאלן קומען העלפען, **ולא לצעקה** - אבער טאר נישט שרייען 'לצעקה' דהיינו דאווענען אויף די צרה וואס האט זיך געמאכט שבת.

**רש"י** דארט אין **מסכת תענית** אין דף יד, א, איז מסביר די טעם פון רבי יוסי, וזה לשונו: **לעזרה - צועקין לבני אדם שיבואו לעזרם. ולא לצעקה - "תפלה, שאין אנו בטוחין כל כך שתועיל תפלתנו לצעוק עליהן בשבת"** - פירוש: רבי יוסי האלט מען מעג נישט דאווענען אויף א צרה אין שבת, ווייל עס איז נישט קיין דבר בטוח אז די תפילות גייען אויפטוען.

לפי זה שרייבט רבי שלמה קלוגער: **ואם בימי הש"ס רבי יוסי הוא דקאמר שאין אנו בטוחין כל כך שיועיל תפלתנו אנן מה נענה אבתריה יתמי דיתמי** - פירוש: אויב רבי יוסי האט שוין געזאגט אין זיינע צייטן אז מען טאר נישט מתפלל זיין שבת אויף אן עת צרה ווייל 'אין אנו בטוחין כל כך שיועיל תפילתנו', איז אודאי און אודאי אין דער דור, ווער קען זאגן מיט א זיכער קייט אז די תפילות קענען העלפען, איז ווי אזוי האט מען געמעגט גיין מחלל שבת זיין אין שיקן א קוויטל אין שבת קודש, כדי מען זאל מתפלל זיין.

און וועגן דעם שרייבט דארט רבי שלמה קלוגער זייער שארף אנקעגען דער מורה הוראה וואס האט מתיר געווען צו שיקען דער קוויטל בעצם יום השבת [עי' שם].

## דברי שו"ת יד חנוך

**הגה"ק ר' חנוך העניך מסאסוב זצ"ל** נאך וואס ער ברענגט אראפ די מעשה פון דער קוויטל שרייבט ער אן אינטערסאנטע הוספה פון זיין זיידן הגה"ק ר' חנוך העניך פון אלעסק זצ"ל וואס איז געווען אן איידעם ביי די שר שלום מבעלזא, וזה לשונו: **והשיב עליו זקני הרב מאלעסק ואמר** - די אלעסק'ער רב האט זיך אנגערופען צו רבי שלמה קלוגער און ער האט געזאגט: **שלא יצדקו דבריו כי אין זה חילול שבת, שהרי כתב המרדכי פרק שלישי דשבת** (סימן שי"ד) **שאם חולה מסוכן רוצה ומבקש שישלחו אחרי קרוביו מותר לשלוח בשבת כדי שלא תטרוף דעתו, ואם כן הוא הדין הכא כיון שהחולה חפצו שילכו לחכם הדור דפקיעי שמיה ומפורסם שתפילתו נשמעת במרומים שיעתיר עבורו ויפציר בתפלה בעדו, מדוע לא יהיה מותר מטעם שלא תטרוף דעתו, ואפילו אי לא אתמחי גברא שרי משום יתיבי דעתו בקצירי, כיון שנקבע בדעתיה ומאמין מעומק לבו ומחכה לישועה על ידי תפלתו של חכם, ואם נמנע אנחנו מעשות חפצו ומאוויו יוכל לבא לחולשת דעתא וטירוף** - פירוש: רבי חנוך העניך פון אלעסק האט געזאגט פאר רבי שלמה קלוגער, אז ער זעהט נישט וואס איז די גרויסע רעש וואס ער מאכט, עס איז דאך דא א שיטת המרדכי אין מסכת שבת וואס שרייבט אז אויב א חולה מסוכן בעהט מען זאל אים רופן זיינע קרובים אין שבת, 'כדי שלא תטרוף דעתו', מעג מען רופן זיינע קרובים, און אויב אזוי דער חולה מסוכן וואס האט געשיקט דער קוויטל צום שר שלום איז אויך געווען אין אזא מצב, וואס ער איז געווען אין א גרויסע סכנה און 'כדי שלא תטרוף דעתו' האט מען געמעגט שיקן דער קוויטל אפילו אין שבת [עי' שם מה שפלפול עוד, ואכמ"ל מחמת קוצר היריעה].

למעשה האבן די פוסקים אנגענומען אזוי ווי דער פסק פון רבי שלמה קלוגער, און אזוי ווי די מהרש"ם שרייבט, און לאחרונה די מנחת יצחק חלק י' סוף סימן לא אז עס איז נישט דא קיין שום צד צו מתיר זיין אזא מעשה עיי"ש.




להערות והארות או לקבלת הגליון אפשר לפנות להמייל: mgudim1044@gmail.com